# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מקץ תשפ"ד שנה י | גליון מס' 512



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א ריינע הארץ איז די הכנה אויף תפילה

**"וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וַיְגַלַּח וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָיו וַיָּבֹא אֶל פַּרְעֹה" (מא יד)**

**רבי שמואל בן חפני גאון** שרייבט: פון די שילדערונג איבער די הכנות פון יוסף צו די באגעגעניש מיט פרעה מלך מצרים, קענען מיר לערנען וויאזוי מיר דארפן זיך גרייטן בעפאר מיר טרעטן צו צו א תפלה פארן מלך מלכי המלכים; פאר א מלך בשר ודם וואס זעהט נאר מיט זיינע פליישיגע אויגן האט זיך יוסף געגרייט מיט אן אויסערליכן ריניגונג וואס ווערט ארויסגעברענגט מיטן זיך אפשערן און טוישן קליידער. אבער פארן מלך מלכי המלכים וואס קוקט אריין אין די הערצער, דארף מען זיך גרייטן מיט דעם "שננקה את נפשותינו ונטהר אותן מטומאות החטאים".

פירוש התורה לרבי שמואל בן חפני גאון עמ' קי

•

אין דעם ענין זאגט דער צדיק **רבי זאב איידלמאן**:

די משנה אין מסכת ברכות (ל א) זאגט: "אין עומדים להתפלל אלא מתוך כובד ראש. חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים, כדי שיכוונו את ליבם לאביהם שבשמים". און די קשיא איז ווי פון זיך אליינס שווער: דער דין פון "אין עומדים להתפלל אלא מתוך כובד ראש" איז געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם, פארוואס האט די משנה צוגעשטעלט צו דעם די מנהג פון די "חסידים הראשונים" וואס פון דעם זעהט אויס לכאורה אז דאס איז נישט א זאך וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינעם, נאר פאר די דערהויבענע חסידים?

ערקלערט רבי זאב, פונקט פארקערט, די משנה וויל אונז מיט דעם זאגן אז מיר אליין דארפן טון א קל וחומר: אויב פאר די חסידים הראשונים האט אויסגעפעלט א שעה פון הכנה בעפאר זיי האבן געדאווענט, וויפיל שעה'ן פעלט אונז אויס כדי מיר זאלן גרייטן צום דאווענען ווי עס דארף צו זיין?!

"רבי ווועלוול" עמ' 25

## די פרשיות 'שובבי"ם ת"ת'
## זענען מסוגל אויף תשובה

**"כִּי לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ כִּי עַתָּה שַׁבְנוּ זֶה פַעֲמָיִם" (מג י)**

דער **'באר היטב'** (או"ח תרפה ב) ברענגט אין נאמען פון אר"י הקדוש אז די טעג וואס מען ליינט די פרשיות פון "שובבי"ם ת"ת" אין א עיבור-יאר, איז ספעציעל מסוגל אויף תשובה.

א רמז אויף דעם זאגט דער **'ייטב לב'** פון סיגעט פון דער פסוק: די ווארט "לולא" איז אותיות "אלול", און די ווארט "זה" וואס איז גימטריה 12 איז מרמז אויף די צוועלפטע חודש דאס איז חודש אדר. און דאס זאגט דער פסוק: "כִּי לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ" - ווען דער חודש אלול פארזוימט זיך פון צוקומען, צוליב דעם וואס חודש "זֶה" איז געדאפלט "פַעֲמָיִם" דעמאלטס "כִּי עַתָּה שַׁבְנוּ" - איז דאס א פאסיגע זמן וואס איז מסוגל אויף תשובה.

"ילקוט הגרשוני"

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א 'גענצליכע שיצונג' פלאן

אינמיטן דעם גאנצן צער און טרויער וואס באגלייט אונז זינט דעם אומגליק וואס האט אונז געטראפן אין שמחת תורה, צווישן די שרעקליכע פאסירונגען און די ערציילונגען פון ניסים, האבן מיר איינגעזען אז מיר האבן נישט אויף וועמען זיך פארלאזן נאר אויף אונזער פאטער אין הימל. און דוד המלך ע"ה האט שוין געזאגט (תהילים כג ד): "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי". אויך אין די שווערסטע צייטן זענען מיר זוכה צו א שמירה עליונה און השגחה פרטית.

דוד המלך האט אויך געשאנקן פאר אלע דורות א קלארע פלאן זוכה צו זיין צו א פולע-שיצונג: אלע ווייסן פון די מאמר חז"ל (במ"ר יח כא) אז אין די צייטן פון דוד זענען יעדן טאג געשטארבן הונדערט מענטשן, און דערנאך וואס דוד האט אויסגעפארשט און האט פארשטאנען מיט זיין רוח הקודש אז די צרה איז געקומען צוליב דעם וואס מען לויבט נישט השי"ת ווי עס דארף צו זיין אויף אלע טובות וואס ער טוהט מיט זיי, האט ער מתקן געווען מען זאל זאגן יעדן טאג מאה ברכות. און טאקע אזוי, די תקנה האט אויפגעטוהן מען זאל מבטל זיין די גזירה.

עס איז וויכטיג אז מיר זאלן צולייגן קאפ צו די פאקט אז דוד המלך האט נישט מתקן געווען די תקנה פון מאה-ברכות נאר אויף זיינע צייטן, נאר פאר אלע דורות נאך אים. דער ב"ח (או"ח מו) לערנט פון דעם ארויס אז די שרעקליכע גזרה וואס איז געווען אין זיינע צייטן שוועבט נאך העכער אונז, און אויך אין אונזער דור - נאר אויב מיר ווועלן מקפיד זיין זאגן מאה ברכות יעדן טאג, ווועלן מיר זיך קענען באשיצן פון דעם (ב"ח או"ח מו).

אין א צייט פון א צרה זוכן מיר אלע א סגולה וואס וועט אונז קענען שענקען א געפיהל פון שיצונג, אין די טעג אויך א סגולה וואס די מקור איז פארהוילן און אומקלאר ווערט אנגענומען מיט גרויס אינטערעסע... און מיר האבן דא א קלארע הבטחה וואס דוד מלכא משיחא האט אונז געגעבן, און דאס איז פונקט אויסגעשטעלט אויף אזעלכע געפארן וואס עס טרעפן אונז אן אין די טעג, וויאזוי קען זיין אז מיר ווועלן זיך ארויסדרייען פון דעם?!

דא איז דער ארט צולייגן און דערמאנען, אז לויט וואס עס ווערט ערקלערט אין די פוסקים (ראה שו"ע או"ח קסז טז) אז ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה, און נאר א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן איז א מושלמ'דיגע ברכה, איז ראוי אז יעדער וואס זוכט א גענצליכע שיצונג, זאל זארגן אז זיינע ברכות זאלן פארענדיגט ווערן מיט ענטפערן אמן. און עס איז דא אויף דעם א רמז אין פסוק וואס מיט דעם האבן מיר אנגעהויבן אונזער ארטיקל: "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי" - די ראשי תיבות פון "כי אתה עמדי" זענען גימטריה אמן, אונז צו לערנען אז די זכות פון מאה ברכות וואס זענען בשלימות דורך ענטפערן אמן שטייט אונז פאר א זכות אויף א שמירה עליונה וואס ווערט ארויסגעברענגט אין די ווערטער: "כי אתה עמדי!"

מיר ערליכע אידן, טארן זיך נישט פארהוילן פון די פאקט אז די סגולה אויף די שיצונג פונעם דור ליגט אין אונזערע הענט! עס פעלט זיך אויס פון אונז מיר זאלן יעצט מקפיד זיין אויף מאה ברכות וואס זענען בשלימות דורך ענטפערן אמן יעדן טאג, און דורך דעם זוכה און מזכה זיין דעם גאנצן דור מיט א גוטע שיצונג פון אלע צרות.

**מיט א רוף "כי אתה עמדי"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — ארבעים מי יודע? —

דאס איז געווען אין איינע פון די טעג, ווען ביים טיש פון מרן ה'חתם סופר' איז געזיצן א חשובער איד און א למדן, א 'משולח' פון ארץ הקודש. אין לויף פון די סעודה האט מען גערעדט אויף דעם טיש דברי תורה, ווי עס פאסט פאר א סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, און צווישן די ווערטער איז ארויפגעקומען די שפאנענדע דיסקוסיע וואס ווערט געברענגט אין גמרא (חולין פז א) איבער די ווערד פון א ברכה.

אין גמרא ווערט דארט געברענגט א מעשה וועגן א מענטש וואס האט גע'שחט'ן א האן און זיין חבר האט צוגעדעקט די בלוט אנשטאט אים. רבן גמליאל האט גע'פסק'נט ער זאל באצאלן דעם שוחט צען גאלדענע מטבעות, און די חכמי הגמרא האבן חוקר געווען און דיסקוטירט צווישן זיך צי דער חיוב איז צוליב די מצוה וואס יענער האט אוועק געכאפט, צי אנשטאט די ברכה - "על כיסוי דם בעפר" - וואס דער שוחט האט דערלייגט צוליב אים.

אלס א ביישפיל אויף א 'נפקא מינה' צווישן די צוויי טעמים ברענגט די גמרא א פאל וואס א מענטש האט אוועקגעכאפט דאס בענטשן פון זיין חבר, וואס ברכת המזון איז איין מצוה, אבער עס איז צוזאמגעשטעלט פון פיר ברכות; אויב דער חיוב פון באצאלן איז אנשטאט די מצוה, וועט מען דארפן באצאלן צען זהובים, אבער אויב עס איז אנשטאט די ברכה, וועט ער דארפן באצאלן פערציג זהובים - אנשטאט פיר ברכות.


די וועג וואס פירט צום ציון פון 'חתם סופר' אין פרעשבורג (היינט צו טאג 'בראַטיסלאַוואַ')

די גמרא איז זיך פושט די שאלה פון א מעשה שהיה: אויף די טיש פון רבי האט מיטגעגעסן א צדוקי, רבי וואס האט געוואלט פארמיידן אז דער צדוקי זאל זיך נישט צושטעלן מיט די אנדערע ביי ברכת המזון, האט אים פארגעשלאגן: "כוס של ברכה אתה שותה, או ארבעים זהובים אתה נוטל?"; דאס מיינט: דו ווילסט ענדערשט זיך צושטעלן צו אונז ביי ברכת המזון, אדער דו ווילסט אועקגיין פאר ברכת המזון און מיר וועלן דיר באצאלן פערציג זהובים - אנשטאט די פיר ברכות וואס דו וועסט דערלייגן.

אין א איבערראשנדער שריט האט דער צדוקי באשלאסן זוכה זיין אין די זכות פון די מצוה און דערלייגן די פערציג זהובים מיטן אויסרופן: "כוס של ברכה אני שותה!". אויב אזוי איז ארויס א בת קול און געזאגט: "כוס של ברכה שוה ארבעים זהובים" - ד.מ. צען זהובים אנשטאט יעדע ברכה.

דא האט זיך אפגעשטעלט די שמועס, און די סעודה האט זיך געענדיגט ווען דער חתם סופר האט דערלאנגט פאר זיין גאסט דאס גלאז ווין וואס איז געליגן אויפן טיש, און אים געזאגט: "איר זענט מכובד מיט א כוס של ברכה וואס איז ווערד פערציג גאלדענע זהובים".

דער משולח, וועלכער עס זעהט אויס אז דער תכלית פון זיין אנקומען 'געלט' איז געשטאנען פאר זיינע אויגן, האט געמאכט א טעות, און האט געענטפערט מיט א ווערטל, אז ער וואלט ענדערשט גענומען 40 זהובים, ווי איידער א כוס של ברכה וואס איר שכר וועט ער באקומען לעתיד לבוא...

פארן משולח איז עס געווען נאר ווי א שארפע ווערטל, אבער דער 'חתם סופר' האט געזען אין זיינע ווערטער א גרינגשעצונג אויף די חכמי הש"ס. אן זאגן א ווארט האט דער חתם סופר צוריק גענומען דאס בעכער פונעם גאסט, נאכדעם האט ער ארויסגענומען פון זיין בערזל פערציג זהובים און זיי איבערגעגעבן דעם שאקירנדן גאסט. פון דעמאלסט אן האט דער חתם סופר נישט אויסגעטוישט מיטן גאסט א ווארט. דער גאסט איז אוועק פון דארט מיט א שווערן און טרויעריגן הארץ, זיך געזעגנט פונעם חתם סופר און זיך אומגעקערט צו זיין אכסניא.

אויב דאס איז נישט גענוג, איז אין אוונט, ווען דער גאסט האט אראנזשירט זיינע חפצים, האט ער זיך דערשראקן צו אנטדעקן אז די פערציג גאלדענע זהובים וואס ער האט באקומען פון חתם סופר איז פארשוואונדן געווארן. ער האט פארלוירן די ברכה און איר אייביגן באלוינונג, און אפילו נישט זוכה געווען הנאה צו האבן פון איר באלוינונג, אבער דעם שארפן לעקציע איז געבליבן ביי אים אויף שטענדיג.

•

אלס א המשך צו דער וואונדערבארער ערציילונג איז פאסיג צוברענגען די מעשה וואס איז פארגעקומען מיט יארן שפעטער, מיטן גרויסן תלמיד פונעם 'חתם סופר' - רבי משה שיק, וואס איז באקאנט מיטן טיטל 'מהר"ם שיק', א מעשה וואס אילוסטרירט די ווערד וואס זיין גרויסער רבי האט געוואלט איבערגעבן אויף די קומענדיגע דורות, דאס איז די ריזיגע ווערד פון יעדע ברכה.

דאס איז געווען אין יאר תרל"ג, אסאך יארן נאך די פטירה פונעם חתם סופר. רבי משה שיק, איז געווארן א אלמן פון זיין ערשטע ווייב. א צייט שפעטער האט מען אים פארגעשלאגן א מכובד'יגע פארשלאג - א אלמנה פון איינער פון די רבני הדור.

דער מהר"ם שיק האט געוואלט זיך באראטן וועגן דעם ענין מיט זיין נאענטן חבר, רבי אהרן דוד דייטש, בעל 'גורן דוד' און רב פון באלאשא-יארמוט, וועלכער איז אויך געווען פון די גרויסע תלמידים פון 'חתם סופר'. רבי אהרן דוד האט צוגעשטימט צו דעם פארשלאג, און אויב דאס איז נישט גענוג, האט ער געשיקט רופן די מדוברת איר צו אייל'ן אויספירן די שידוך בשעה טובה ומוצלחת.

סוף דבר, דער שידוך איז געווארן למזל טוב. א צייט שפעטער איז פארגעקומען א קליינע חתונה מיט די באטייליגונג פון די משפחה-מיטגלידער און נאנטע פריינד וועלכע זענען געקומען זיך פרייען אין די שמחה פון איינעם פון די גאוני הדור וואס האט ווידער אויפגעבויט זיין היים.

אינמיטן די סעודה האט זיך מיטאמאל באוויזן א גאסט. דאס איז געווען ר' מענדל, דער שדכן וואס האט געברענגט די פארשלאג. ער איז אנגעקומען מיט א בריוו פונעם 'דברי חיים' פון צאנז, וועלכער האט גע'פסק'ט אז הגם דער שידוך האט זיך נישט געענדיגט דורך אים, וויבאלד ער האט אנגעהויבן דעם שידוך, דארף מען אים געבן פופציג גאלדענע מטבעות. 'שדכנות געלט'.

דער מהר"ם שיק איז געווען איבערראשט פון דעם פסק, ווייל פון זיין בליק איז דער שידוך אויסגעפירט געווארן דורך דער וואס האט געארבעט צוברענגען דעם שידוך צום טיש, דאס איז געווען זיין חבר דער 'גורן דוד', אבער די ווערטער פון דברי חיים האבן אים געקוועטש, און איז געשוויגן, און האט נאר איינגעבעטן דעם שדכן ער זאל זיך וואשן צו די סעודת החתונה.

ווען עס איז געקומען די צייט פון ברכת המזון, זענען אלע איבערראשט געווארן ווען פון אלע באטייליגטע האט דער מהר"ם שיק אויסגעקליבן צו מכבד זיין ר' מענדל דעם שדכן צו בענטשן ברכת המזון אויפן כוס. די סיבה דערויף איז גלייך קלאר געווארן, ווען נאכן בענטשן האט דער מהר"ם שיק ארויסגענומען צען גאלדענע מטבעות פון זיין קעשענע, און זיי איבערגעגעבן דעם שדכן און אים געזאגט: דו האסט באקומען ברכת המזון פאר פערציג גאלדענע זהובים, דא האסטו נאך צען גאלדענע זהובים צו פארענדיגן די פופציג זהובים - די שדכנות געלט וואס דער 'דברי חיים' האט באפוילן...".

ווען דער שדכן איז צוריק צום 'דברי חיים' און אים דערציילט די קלוגע הנהגה פונעם מהר"ם שיק, האט אויפגעלויכטן די פנים פונעם 'דברי חיים', און האט שטארק אויסגעלויבט די חכמה פון מהר"ם שיק, און האט אויך צוגעשטימט צו די הנהגה.

'ספיר ויהלום' - ברכת המזון עמ' תסב

# — א דאפלטע רפואה אין זכות פון ענטפערן אמן —

**די פאלגנדע מעשה איז געהערט געווארן פון א געטרייער 'גבאי אמן', רבי מתתיהו ו. שליט"א, וואס דינט יעדן אינדערפרי, שוין יארן, מיט געטריישאפט אין די שוהלן פון סאטמאר און סערט וויזשניץ אין ירושלים און נאך. עס איז שווער נישט צו מקנא זיין אין די זכות פון רבי מתתיהו וואס איז זוכה יעדן טאג צו הערן די ברכות פון איבער זיבעציג מענטשן און פארשטייט זיך ענטפערן נאך זיי אמן, פון וואס מען קען זיכער מאכן אז די נומער דערגרייכט איבער טויזנט אמן'ס יעדן אינדערפרי.**

צו דעם האט ר' מתתיהו זוכה געווען אדאנק זיין פונקטליכן סדר היום וואס הייבט זיך אן מיט דאווענען ותיקין אין בית המדרש סאטמאר אין ירושלים, דארט איז ער זוכה צו ענטפערן אמן נאך די מתפללים אין צוויי מנינים וואס קומען פאר איינס נאכן אנדערן. פון דארט גייט ער אריבער צו די בית המדרש סערט וויזשניץ צו ענטפערן אמן פאר די מתפללים אין די דארטיגע מנינים, און נאכדעם פארט ער יעדן טאג צום כותל המערבי ווי דארט גיסט ער זיך אויס זיין הארץ נעבן שריד בית מקדשינו, ווען אויך דארט איז ער זוכה צו ענטפערן אמן נאך די לעצטערע מנינים.

אין אונזער שמועס מיט אים האט הרב מ. אונז מיטגעטיילט די סיבה וואס צוליב דעם האט ער באשלאסן אנהאלטן אט די הייליגע הנהגה:

מיט צוועלף יאר צוריק, אין א העלן טאג בין איך פלוצים אטאקירט געווארן מיט א שווערע אינפעקציע, וואס צוליב דעם בין איך פאלאזירט געווארן אויף דער לינקער זייט פון מיין קערפער. צוליב דעם האב איך נישט געקענט עסן דורכ'ן מויל, און די דאקטוירים האבן מיך באלד פארבינדן צו א מעדיצינישע מאשין וואס דורך דעם האב איך באקומען מיין עסן גראד אין מיין קערפער אריין. מיין צושטאנד איז אינגאנצן נישט געווען פשוט, און די דאקטוירים האבן געזאגט אז ווי עס קוקט זיי אויס וועט מיין ערהוילונג געדויערן נישט ווייניגער ווי דריי יאר.

אבער ווי דער פסוק זאגט (תהלים יט, כא): "רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום", מיט סיעתא דשמיא נאך אכט חדשים האב איך שוין אנגעהויבן צוריקקומען צו די כוחות.

דורכאויס די תקופה, און ווייטער אין די תקופה וואס איך האב זיך ערהוילט און אנגעהויבן רעדן ווי א געוועהנליכער מענטש, האב איך זיך מקבל געווען האלטן טייער די זכות וואס איז מיר צופאלן, צו זאגן ברכות און זאגן אמן.

איך האב דעמאלט געטראכט צו מיר אז אויב איך וואלט געקענט וואלט איך געזאגט ברכות א גאנצן טאג, אבער וואס זאל איך טון אז מיר זענען באגרענעצט אין זאגן ברכות און געווארנט נישט זאגן א ברכה שאינה צריכה.

אבער אויף אמן זענען מיר נישט באגרענעצט. און וויבאלד חז"ל האבן באשלאסן (ברכות נג ב) אז דער עונה איז גרעסער פון דער מברך, איז פון יענעם טאג ביזן היינטיגן טאג האב איך נישט אויפגעהערט פון נאכזוכן אמן'ס. מיין נשמה ווייסט נישט קיין זעט, און איך פרוביר צו זאמלען נאך און מער פון די טייערע דימאנטן.

•

**פאר ארום צוויי חדשים, זונטאג כ"א מרחשון האב איך זוכה געווען צו זעהן א אפענער נס אין דעם זכות וואס איך האב געטוהן מיין אויפגאבע מיטן ענטפערן אמן יעדן טאג:**

אין יענעם טאג, נאכדעם וואס איך האב פארענדיגט מיין געוועהנליכן סדר היום, אין די שולן וואס איך בין געוואוינט צו ענטפערן אמן נאך די מתפללים דארטן, ארום אכט אזייגער אינדערפרי' האב איך זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום כותל. ווען איך בין אנקומען, האב איך פלוצים אנגעהויבן פילן שרעקליכע קאפ-ווייטאג, און ביז עטליכע מינוטן זענען מיינע אויגן ממש פארטונקלט געווארן. איך האב אויפגעהערט צו זעהן.

איך בין זייער דערשראקן געווארן, און איינער פון די מתפללים וואס האט צוגעזעהן מיין צרה האט מיך באלד גענומען צו א דאקטער אין די קליניק נעבן מיין הויז. דער דאקטער האט מיך געמאסטן די בלוט-דרוק, און איז דערשראקן געווארן צו זעהן אז די נומערן פליעהן שרעקליך ארויף. ער האט שוין גערופן אן אמבולאנס, און אין עטליכע מינוט האב איך זיך געפונען אין א אמבולאנס וואס האט זיך געאיילט צום שפיטאל.

אינעם שפיטאל האט מען מיך באלד אריינגעפירט אין די עמערדזשענסי רום (חדר מיון). דארט האבן זיי אנגעהויבן אדורכפירן אויף מיר א סעריע טעסטס, וואס די רעזולטאטן זענען געווען זייער צוגעפאסט צו מיין שלעכטן געפיל. דער בלוט-דרוק אזוי ווי די אנדערע טעסטן האבן נישט דערציילט קיין גוטס, די דאקטורים האבן אויסגעזען באזארגט, און איך האב דאך געוואוסט אז מיין מעדיצינישער צושטאנד איז נישט גוט, בין איך געווען זיכער אז דאס זענען מיינע לעצטע טעג, רח"ל.

אויף די באפעל פון די דאקטורים, בין איך שנעל געפירט געווארן צו א דרינגנדע ס'. טי'. אויף די קאפ. איך האב זיך זייער דערשראקן, און בשעת מען האט געפירט מיין בעט, איז מיטאמאל ארויסגעקומען א תפלה פון מיין טיפן הארץ: 'רבונו של עולם, דו ווייסט דאך וויפיל איך האב היינט, ווי יעדן טאג, זיך אנגעשטרענגט דיך מכבד צו זיין מיט ענטפערן אמן נאך ברכות פון פילע אידן. און היינט, כאטש איך האב נאכנישט פארענדיגט מיין אויפגאבע, האב איך שוין אנגעיאגט ענטפערן אויף זיבן און זעכציג מענטשן. ביטע, איך האב געטון פאר דיין כבוד - טו יעצט צוליב דיין נאמען, האב רחמנות אויף מיר, און נעם מיך ארויס מאפילה לאורה, און שיק מיך באלד א רפואה שלימה'.

ווען איך בין אריבער די ס'. טי'. טעסט בין איך שוין געווען אסאך רואיגער, ווען איך האב געפילט ביי מיר אז די תפילה וואס איז ארויסגעקומען פון טיפן הארצן האט געשפאלטן אלע מויערן און ארויף גראד ביזן כסא הכבוד.

און טאקע אזוי, עס האט נישט געדויערט א לאנגע צייט ביז עס זענען אנגעקומען די רעזולטאטן פון די טעסטן וועלכע האבן געמאלדן אז מיין צושטאנד האט זיך אסאך פארבעסערט בחסדי שמים. די בלוט-דרוק איז אויך צוביסלעכווייז אראפ און די הארץ-קלאפעניש האט זיך סטאבעליזירט. איך האב געבעטן מען זאל מיך באפרייען, אבער צוליב מיין אלגעמיינער צושטאנד און מיין עלטער האט דער דאקטער געוואלט איך זאל ביזדערווייל פארבלייבן אין שפיטאל. אבער איך האב נישט מסכים געווען: 'הער דאקטער, איך קען נישט בלייבן, איך האב וואס צו טון...', איך האב אים געזאגט, 'מארגן, באלד אינדערפרי' ווארטן שוין מענטשן אויף מיר איך זאל ענטפערן 'אמן' נאך זייערע ברכות, ביטע לאז מיך ארויס אז איך זאל גיין שלאפן אין צייט און אויפשטיין אין צייט'.

צו מיין גרויסע שמחה, האט דער דאקטער מסכים געווען אויפן פלאץ מיך צו באפרייען, אזוי האב איך בחסדי השם אפילו געהאט צייט צו דאווענען מנחה יענעם טאג מיט א מנין.

ווען איך בין אהיים געקומען, האב איך ווי געווענטליך אדורכגעקוקט די גליון 'וכל מאמינים' וואס איז ארויס לכבוד פרשת וירא, און אויף מיין וואונדער האב איך געזען אז דער ארטיקל פון הרב מארמארשטיין איז געשריבן געווארן פונקט פאר מיר; די טעמע וואס הרב מארמארשטיין האט אויסגעקליבן יענע וואך צו מחזק זיין האט פונקט גערעדט איבער די מעלה פון ענטפערן אמן אויף רפואה. דעם ארטיקל האב איך פאטאגראפירט אין אסאך עקזעמפלארן, און שוין צומארגנ'ס האב איך עס פארשפרייט פאר אלע מיינע פריינד וואס זאגן פאר מיר די ברכות.

**'איך דארפט פארשטיין', האב איך זיי געזאגט, און איך זאג אויך פאר די וואס ליינען די גליון, 'אמן איז א קליינע ווארט, אבער עס האט אין זיך אלעס, עס איז גרינג אויספירן, און איז א סגולה אויף א אלעס. פרובירט איר אויך און איר וועט זיך איבערצייגן, אסאך זאכן אין אייער לעבן, אין אייער געזונט און פרנסה קען זיך ענדערן אין איין מינוט, אויב איר וועט נאר מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן. און דער וואס איז נישט מקפיד אויף דעם זאל וויסן אז ער נעמט אויף זיך א גרויסע אחריות, אויף זיין געזונט און אויף די ישועה פון כלל ישראל'.**

## ענטפערן אמן - איז א חלק פון די ברכה

### די ברכות השחר ווערן בשלימות דורך ענטפערן אמן

**עס איז דא וואס שרייבט אז אויך דער יסוד פון דער מנהג צו זאגן ברכות השחר צוזאמען אין שוהל, איז געווארן כדי יעדער איינער פון די וואס זאגן די ברכות זאלן יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן פון די וואס ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, ווייל ווי געזאגט אויך די וואס זאגן די ברכה זענען מחוייב צו ענטפערן אמן, ווייל דאס איז א חלק פון די ברכה.**

#### מקורות וביאורים:

אזוי ערקלערט דער 'תשובות והנהגות' (ח"א סי' ז וח"ב סי' עב [א]), און נישט ווי דער 'משנה ברורה' (ו כג) וואס ערקלערט אז דער טעם איז כדי צו דערגרייכן צו די סומע פון ניינציג אמנים אויף ברכות יעדן טאג. און זעה נאך אין 'תשובות והנהגות (שם) וואס שרייבט אז אלע וואס זאגן ברכות השחר אין שול "נאה להם להדר לברך בקול דווקא וחברו יענה אמן", ווייל ווי געזאגט די שורש פון דער מנהג זאגן ברכות השחר אין שול, און נישט אין שטוב אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ראה ברכות ס ב), איז כדי זיי צו משלים זיין מיט ענטפערן אמן. אויך דער 'עטרת צבי' שרייבט אין נאמען פון זיין רבי דער 'חוזה מלובלין' עס איז ענדערשט זאגן ברכות השחר אין שול, און נישט אין שטוב אזוי ווי עס איז שטייט אין גמרא "כדי שיענו אמן כל אחד אחר ברכת חבירו, שברכה בלא אמן הוא ממש פלג גופא כנודע וכמפורסם" ('פרי קודש הילולים' שער הברכות פ"ד).

אבער דאס אלעס איז לויט די וואס האלטן אז אמן איז א טייל פון די ברכה אויך ווען דער מברך איז נישט מוציא די צוהערהער זייער חיוב (וכפי שפירש ב'תשובות והנהגות שם), אבער די וואס האלטן אז ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה נאר ווען דער מברך איז מוציא די צוהערהער, קען מען נישט אנהענגען דער מנהג פון זאגן ברכות השחר צוזאמען אין דעם אויבנדערמאנטן טעם (וכמבואר בשם הגרי"ש אלישיב בספר 'פניני תפילה' עמ' סו).

און דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער האשמורת פרק י) שרייבט אזוי: "די ברכות השחר... איז גוט מען זאל זיי זאגן אין שול מיט די איבריגע דאווענען, כדי אנדערע זאלן ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, ווייל עס איז זייער גרויס די מעלה פון א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן". די ווערטער פונעם 'יסוד ושורש העבודה' זענען געבויעט אויף די ווערטער פון זוה"ק (עקב רעא א) וואס שרייבט: "דכל ברכה דאותיבו עליה אמן, דא איהו בקיומא דקא יאות". און בפשטות די ווערטער פון זוהר אויף די עקזיסטענץ וואס דאס ענטפערן אמן געבט פאר די ברכה, איז נישט געבויעט אויף דאס וואס ווערט דא דערמאנט אז די אמן איז א חלק פון די ברכה, נאר דאס איז א אנדערע דערהער, אז אויך אויב ענטפערן אמן איז נישט קיין חלק פון די ברכה, פעלט עס אויס פאר די ברכה, ווייל דאס איז מקיים די ברכה. און אזוי איז משמע פון די 'ניצוצי זהר' (שם) וואס צייכנט צו די ווערטער פון רבינו בחיי (שמות יד לא) וואס האט צוגעגלעכנט די ברכה צו א עדות וואס ווערט געזאגט דורך א עד אחד, און ענטפערן אמן צו דעם צווייטן עד וואס שטעלט זיך צו צו אים, וואס אין זיין זכות האט די עדות א קיום.

אין ספר 'מנחיל אמונה' (אות כ) שטייט אז אויך די הויכע שמו"ע האבן די חכמים מתקן געווען, כדי צו באצירן די ברכות פון די שטילע שמו"ע מיט ענטפערן אמן.

# שערי גן עדן
אמן און ברכות אין די ווערט פונעם בעל הילולא



## רבי זאב איידלמאן
### ו' טבת תש"ס

רבי זאב איז געבוירן אין בריסק אין יאר תרע"ד צו זיין פאטער רבי אברהם איידלמאן הי"ד. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט אין די בריסק'ער ישיבה ביי רבי משה סאקאלאווסקי בעל 'אמרי משה'. נאך די פטירה פון זיין רבי איז ער אריבער לערנען אין די קאמעניצער ישיבה ביי הגרב"ד לייבאוויץ בעל 'ברכת שמואל', און אים האט ער געהאלטן פאר זיין רבי. זייענדיג אין בריסק האט ער געהאט נאנטע באציאונגען מיטן מרא דאתרא הגרי"ז סאלאווייטשיק און פון אים האט אויך אסאך געלערנט, ביז ער האט געמוזט ארויף גיין קיין ארץ ישראל, אין אנהויב יאר תרצ"ז, צוליב וואס ער האט באקומען א איינרוק צעטיל אין מיליטער. ווען הגרי"ז איז ארויף קיין אר"י האט ער זיך נאכמער מקרב געווען צו אים, און אלע זיינע הנהגות איז געווען לויט וואס ער האט זיך געפירט.

רבי זאב איז באקאנט געווען אלס א גדול אין תורה און יראה, און זיינע נאנטע האבן אים גערופן מיט גרויס רעספעקט: 'רבי וועלוול'. ביז זיינע לעצטע יארן זענען צו אים געקומען אסאך מענטשן לערנען פון אים א וועג אין תורה און עבודת ה', פרעגן א עצה און בעהטן א ברכה. א טייל פון זיינע דברי תורה איז נתפרסם געווארן נאך זיין פטירה אין ספר "רבי וועלוול דער איידלמאן".

ער איז נפטר געווארן ו' טבת תש"ס און איז געקומען לקבורה אויפן בית החיים 'זכרון מאיר' אין בני ברק.

## אזוי האט ער געזאגט א ברכה

פאלגנד איז א ליקוט פון רבי זאב איידלמאן'ס הנהגות בשעת'ן זאגן ברכות, ווי זיינע תלמידים האבן באשריבן אינעם ספר 'רבי וועלוול' (עמ' 291 ועמ' 351):

- ער פלעגט מקפיד זיין צו מתבונן זיין מיט א ערנסקייט בעפאר יעדע ברכה וואס ער האט געדארפט זאגן, זיינע ברכות זענען געווען מיט א געוואלדיגע כוונה ווארט ביי ווארט, און ביים זאגן דעם אויבערשטנ'ס נאמען ביי די ברכה האט זיך דערקענט אויף אים ממש א פחד.
- בשעת'ן זאגן די ברכה פלעגט ער שטיין אויף איין פלאץ אן צו טוהן קיין שום זאך.
- ברכת המזון איז געווען בי אים אזוי ווי שמונה עשרה און ער האט זייער אכטונג געגעבן אין דעם.
- יעדע ברכה פון ברכות השחר פלעגט געזאגט ווערן מיט הייליגע געפיהלן און מיט א גרויסע עבודה, און בשעת'ן זאגן די ברכה 'אלוקי נשמה' האט ער געוויינט מיט דמעות שליש.
- **ער האט זיך משתדל געווען מען זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, כאטש אז צומאל האט ער צוליב דעם געדארפט ווארטן אסאך צייט. איינמאל איז מען געקומען צו אים שפעט ביינאכט און מ'האט געזען אז ער ווארט שוין א לאנגע צייט אויף צו עסן ביז איינער וועט קומען ענטפערן נאך זיין ברכה. ווען די ארומיגע זענען געווען דערשטוינט פון זיין הנהגה, האט ער געזאגט אז אזוי האט זיך געפירט רבי חיים וואלאזשינער.**

## די הנהגה פון 'ברכת שמואל'

רבי וועלוול פלעגט נאכזאגן אן אינטערעסאנטער הנהגה פון זיין רבי דער 'ברכת שמואל':

ווען מען פלעגט קומען בעהטן א ברכה פונעם 'ברכת שמואל', פלעגט ער בעהטן פון די מענטשן ארום זיי זאלן ענטפערן אמן נאך זיין ברכה (שם עמ' 184).

בס"ד, חנוכה תשפ"ד

# א רירנדע ווענדונג
# פונעם פירער פון 'בני אמונים' הרב יעקב דב מארמארשטיין

צו מיינע ברידער און פריינט

די פאלגנדע שורות שרייב איך מיט בלוט פון מיין הארץ, דאס זענען ווייטאגליכע דברים היוצאים מן הלב, כ'האף מיט'ן גאנצן הארץ אז זיי וועלן אויך זיין נכנסים אל הלב, אז זיי וועלן אנווארעמען און ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאטן.

מיר זענען אלע פארווייטאגט און פארקלעמט פון די שוידערליכע שחיטה וואס האט אונז באטראפן. דאס ברוטאלע מארדן און קידנעפן אזויפיל ארץ ישראל'דיגע אידן האט געשניטן און פארוואונדעט די הערצער פון דאס גאנצע אידישע פאלק אין אלע ערטער.

פון דאן ביז די יעצטיגע מאמענט זענען די איינוואוינער אומרואיג. די אידן געפינען זיך אין א צרה און אין געפענגעניש אין די טיפענישן פון די בלוטיגע שטעט, מאסן פארוואונדעטע ליידן ביטערע יסורים אין די שפיטעלער, טויזנטער פאמיליעס וואנדערן אוועק פון זייערע הייזער און וואלגערן זיך אינדרויסן בעירום ובחוסר, און איבער אלעס, אונזערע פיינט צילן אונז צו מארדן פרייען זיך אונז אויסצוראטן און לאקערן אונז צו פארלענדן היל"ת. דאס הארץ פון אידיש פאלק איז פאראייניגט מיט תפילה פאר דער פרידן פון אונזערע ברידער, און מיט האפענונג אז ווי אמשנעלסטנס וועלן זיך ענדיגן די שווערע טעג און מיר וועלן זיך קענען מבשר זיין גוטע בשורות און מיט גרויסע ישועות.

אין אט דער שווערער צייט, וועלן מיר אלע צושטימען אז עס ליגט אויף יעדן פון אונז צו טון אלעס וואס נאר מעגליך, אלס זיין פליכט, למען ישועת ישראל. אונזער חוב אין דער דאזיגער תקופה איז צו עפענען אונזערע אויגן, און נעמען אנטייל. ווייל יעדער איד פארשטייט, אז מען טאר נישט שטיין און צוקוקן פון דער זייט. און דעריבער, אין די היכלי הישיבות און בתי מדרשות, אין די כוללים און אין די בתי חינוך, וועלן אלע חרדים לדבר ה' זיך פאראייניגן זיך צו שטארקן אין לימוד התורה און אין תפילה, יעדער לויט זיין מעגליכקייט. אשריכם ישראל.

אבער מיט אייער ערלויבעניש, טייערע ברידער, וויל איך פארשלאגן און אפשר אויך ווארענען, אויף נאך א וויכטיגער אנגעלעגנהייט, וואס צום גרויסן ווייטאג ווערט עס נישט גענוג ערוועהנט און עס דארף נאך אלץ חיזוק, און ווער ווייסט אויב נישט צו דערגרייכן די געלעגנהייט האט דער איבערשטער אונז צוגעברענגט צו דער דאזיגער צייט, און ראטעווען דערמיט דאס גאנצע אידישע פאלק וואס ווארט אויף א ישועה:

ס'איז באקאנט די וואונדערליכע סגולה פון ענטפערן אמן. מיר טרעפן אין חז"ל אין פילע ערטער אז די זכות פון ענטפערן אמן שיצט אויף כלל ישראל, און **ספעציעל אין אן עת מלחמה!**

ענטפערן אמן שיצט נישט נאר אויף דער סעזאן, נאר אויך אויף גאנץ כלל ישראל. און ווי דער לשון פון דעם 'תנא דבי אליהו' (רבה יא): **בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע לישראל מאומות העולם? בזכות בני אדם שהם משכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן...**". אין וועלכע זכות וועט הקבּ"ה ווייזן פאר די אידן א נקמה אין די אומות העולם? אין זכות פון די וועלכע שטייען אויף פרי צו קומען דאווענען שחרית און מעריב אין די שולן און בתי מדרשים און ענטפערן אמן.

דא האבן מיר פאר אונז אפענע קלארע דיבורים פון אליהו הנביא זכור לטוב: **בזכות המשכימים לענות אמן, זוכה עם ישראל כולו לניצחון על אויביו**. אין זכות פון די וועלכע שטייען אויף פרי צו ענטפערן אמן, זענען כלל ישראל זוכה צו באזיגן זייערע פיינט. און דאס איז אויסער די פילע זכותים וועלכע פארמערן זיך אויף דער וועלט פון יעדער אמן וואס ווערט געזאגט.

נאך וואס מיר האבן פארשטאנען, ביז ווי ווייט ס'איז חשוב און באליבט זיך צו שטארקן אין דער נושא פון ענטפערן אמן, און איבערהויפט אין דער שווערער צייט וואו מיר שטייען, ווענד איך זיך צו אייך מיט א רוף און געשריי:

דער באשעפער וויל אונז געבן א שמירה, ער פאדערט נישט פון אונז גאנצע בערג און הויכע פעלזנשטיינער, איינאנצן נאר מער מקפיד זיין אויפ'ן ענטפערן אמן וואס אזוי צי אזוי איז עס א חיוב צו ענטפערן, **דאס איז א בקשה וואס איז אזוי לייכט אויסצופירן, צי וועלן מיר זיך מאכן אומוויסנדיג, חלילה?!**

חז"ל האבן דאך געזאגט (תיקו"ז מ א) אז **כל העונה אמן בכל כוחו קורעים לו גזר דינו** של שבעים שנה, מען צרייסט אים אלע עבירות, און ווען אונזערע אויגן זעען ווי דער מידת הדין שוועבט העכער אונזערע קעפ, ווערט ער געבעטן צו צונייגן אן אויער צו דאס אויסגעשריי פון די גדולי הדורות, פון אלע דורות, און אויסוועלן זיך צו שטארקן אין דער נושא פון ענטפערן אמן, און מיט'ן זאגן ברכות וועלכע ווערן ערגענצט מיט אן אמן.

עס איז לוינבאר יעדער פון אונז זאל זיך פרעגן: צי האב איך אויסגעפירט די פאדערונג וואס מען ערווארט פון מיר אין דער שווערער זמן?? צי האב איך זיך אנגעשטרענגט אומוויינינגסטנס מיט אביסל, פאר דער ישועה פון כלל ישראל? דאס איז אן אויפגאבע וואס פארלאנגט נישט שווערע פיזישע איבונגען און אויך נישט קיין גייסטיגע איבערשטרענגונגען, סך הכל בלויז מכבד זיין דעם באשעפער דורכ'ן קומען פרי צום דאווענען און זאגן "ברכת השחר בחברותא", ענטפערן אמן אויף די ברכות פון אונזערע פריינט, און לאזן הערן אונזערע ברכות הויך אויפ'ן קול אז אנדערע זאלן ענטפערן אמן - מיר טראגן פאראנטווארטליכקייט! **"דו קענסט זיך נישט פארהוילן!"**

אונזערע חכמים האבן אונז שוין געזאגט (ברכות נט, א) אז **לא נבראו רעמים אלא לפשט עקמומיות שבלב**, די דונערן זענען באשאפן געווארן כדי אויסצוגלייכן די קנייטשן פון הארץ; וואויל איז דעם וואס איז זוכה זיך צו שטארקן און זיך דערוועקן פון דער 'דונער'דיגער קול מלחמה וועלכע ווערט געהערט אין די טעג, און נעמען אן אקטיווער טייל אין דער רוחניות'דיגער פעולה וואס כלל ישראל דארף אזוי וויכטיג.

מיט'ן אויסרוף "ואמר כל העם אמן"

**יעקב דב מארמארשטיין**




## 'אין כאלוקינו' אנשטאט ענטפערן אמן

דער פיוט "אין כאלוקינו" איז צוזאמגעשטעלט פון פינף פאראגראפן, וואס יעדע איינע דערפון ענטהאלט פיר שבחים, לויב פאר'ן באשעפער. די דריי ערשטע פאראגראפן וועלכע פאנגען זיך אן מיט: "אין...", "מי...", "נודה...", זענען די ר"ת אמ"ן, און די פאראגראפן דערנאך, פאנגען זיך אן מיט "ברוך..." און מיט "אתה...". אינעם פירוש "עץ חיים" אינעם סידור, ווערט געברענגט א פריערדיגע מסורת, אז צוליב א געוויסע אורזאך האט מען מתקן געווען די דאזיגע תפילה לויט'ן סדר אותיות פון 'אמן': וויבאלד אמאל זענען די אידן געווען אונטערטעניגט אונטער א רשעות'דיגע קעניגרייך וואס האט פארבאטן די אידן צו ענטפערן אמן. זענען די אידישע קעפ אויפגעקומען מיט אן איינפאל: זיי האבן מתקן געווען אז מען זאל עס דערמאנען ברמז, דאס זאגנדיג אין די ראשי תיבות: 'אין... מי... נודה' ('עץ חיים' תפילת 'אין כאלוקינו').



## דער אמן ברענגט דער נס

דאס מקפיד זיין אויפ'ן ענטפערן אמן, איז די פאסיגע הכנה צו דער מצוה פון צינדן חנוכה ליכט, וואס מיר צינדן אלס זכר פון דער נס וואס איז געווען אין בית המקדש. אפילו אינעם סדר האל"ף בי"ת, די אותיות פון 'אמן' זענען איין אות פריער צו די אותיות 'בנס', "ואחר אמן נמשך הנס" ('נר לישראל' [למגיד מקאזשניץ] כוונת חנוכה).

## די ערשטע סטראטעגיע פון די יוונים

דער ערשטער טריק וואס די יוונים האבן דורכגעפירט כדי אויסצופירן זייער פינסטערע "להשכיחם תורתך" פלאן, איז געווען אפצוהאלטן די אידן פון דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, וויבאלד אויב די תפילה איז נישט ווי עס געהער קען מען נישט לערנען תורה. און נאר דורך א געהעריגע תפילה קען מען זיין א בן תורה, אבער אויב די תפילה איז נישט ווי עס דארף צו זיין, דאן, **אפילו אויב מען פארפעלט צו ענטפערן איין אמן**, איז שוין דא דערין אן אפהאלט צו לערנען תורה. דעריבער ווען די חשמונאים האבן באזיגט די יוונים האבן זיי באשטימט די חנוכה-טעג מיט'ן ציל צו דאנקען און לויבן, ווי מיר זאגן "קבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל לשמך הגדול". די ערשטע אפהאלט וואס די יוונים האבן אפגעהאלטן פון די אידן איז געווען תפילה, און דעריבער, ווען זיי האבן באזיגט די רשעים האבן זיי אוועקגעשטעלט די דאזיגע טעג זיך צו שטארקן מיט תפילה און דאנק ('שפע חיים' רעוא דרעוין ח"א פר' תולדות מאמר ב אות ה).



בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה: בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא.

# "על הניסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל הנחמות ועל המלחמות שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה".

## טייערע אידן!

אין די חנוכה-טעג, וועלכע זענען מסוגל'דיגע טעג פאר ניסים און ישועות,

**וועלן מיר זיך איינאיינעם שטארקן מיט**

**דער מצוה פון ענטפערן אמן, מיר וועלן זיך שטארקן מיט'ן זאגן ברכות השחר בחברותא יעדן פרימארגן,**

און מיר וועלן זוכה זיין צו זען ניסים ופורקן, גבורות ותשועות, נחמות ומלחמות בזמן הזה כבימים ההם, אמן אמן!

ברכות השחר כהלכה: בקול. בכוונה. בחברותא.